יִשְׂרָאֵל לְמַעַן אֱמָנִים 2004 ©

# אייערע אֵברים

# פאר קנעכט פון

# צדקות צו קדושה.

**20 ווארים ווען איר זענט געווען קנעכט פון זינד זענט איר געווען פריי פון צדקות.**

**21 וואס פאר א פירות האט איר געהאט פון די דאזיגע זאכן מיט וועלכע איר שעמט זיך היינט? ווייל דער סוף דערפון איז טויט.**

22 אבער יעצט איר זענט באפרייט געווארן פון זינד און זייענדיק קנעכט פון ה', איר האט אייער פירות צום קדושה און דער סוף, חיי עוֹלם (אייביקע לעבן).

23 ווייל די שכר פון זינד איז דער טויט אבֿער די מַתָּנה פון ה' איז חיי עוֹלם (אייביקע לעבן) דורך יהושע/ישוע המלך המשיח

אֲדוֹנֵנוּ.

# פרק 7

1 ווייסט איר נישט ברידער אין משיח
איך רעד צו די וואס קענען דער
תורה, אז די תורה האט א שלִיטה
אויף א מענטשן כל זמן ער לעבט

2 א פארהייראטע פרוי איז געבּונדן
צו איר מאן מן התורה ווי לאנג ער
לעבט, אבער ווען ער שטארבט איז זי
פּטור פון די געזעץ פון איר מאן.

3 אויב איר מאן לעבט און זי ווערט
פארהייערט צו אן אנדערען מאן,

דעמאלסט ווערט זי אנגערוּפן א
נוֹאֶפֶת.  אבער אויב איר מאן איז

געשטארבן, זי איז פּטור פון יענם
געזעץ און זי איז נישט קיין נוֹאֶפֶת
הגם זי איז פארהייערט צו אן אנדערן
מאן.

4 אזוי אויך ,מיינע ברידער אין משיח,
זייט איר געווארן געשטארבן צום
תורה דורכן גוף פון רבי המלך המשיח
כדי איר זאלט פארהייערט ווערן צו
אן אנדערן, צו דער וואס איז

אויפגעשטאנען תּחִיַת-הַמֵתים, כדי
מיר זאלן בּרענגען פירות פאר ה'.

5 ווען מיר זענען געווען אינם פלייש
[ווי נֶפֶש נֵפֶל], האבּן די זינדיקע
תאוות, וואס זענען דורך דער תורה,

געווירקט אין אונדזערע אברים צו
בּרענגען פּירות פאַר דעם טויט.